# FINDJAN - פֿינדזשאַן

| | |
|---|---|
| A kalter vint blozt in der nakht, | אַ קאַלטער ווינט בלאָזט אין דער נאַכט, |
| Mir zitzn baym fayer fartrakht, | מיר זיצן בײַם פֿײַער פֿאַרטראַכט, |
| Nor plutsling derhert zikh a lid, | נאָר פּלוצלינג דערהערט זיך אַ ליד, |
| Un ale mir zingen bald mit , | און אַלע, מיר זינגען באַלד מיט. |
| Die nakht iz undz tayer, | די נאַכט איז אונדז טײַער, |
| Ven arum dem fayer, | ווען אַרום דעם פֿייער, |
| Mir zingen dos lid fun findjan. | מיר זינגען דאָס ליד פֿון פֿינדזשאַן |
| | |
| Aï, la la laï..... | אײַ, לאַ לאַ לאַי..... |
| | |
| S'dermonen zikh mir itst di teg, | ס'דערמאָנען זיך מיר איצט די טעג, |
| Ven khevre tsum kampf iz avek, | ווען חברה צום קאַמף איז אַוועק, |
| Avek mit der biks in der hant, | אַוועק מיט דער ביקס אין דער האַנד, |
| Bashitsn fun soyne dos land, | באַשיצן פֿון שׂונא דאָס לאַנד, |
| Dem soyne fartribn, | דעם שׂונא פֿאַרטריבן, |
| Un fun yene Teg, | און פֿון יענע טעג, |
| Iz farblibn dos lid fun findjan . | איז פֿאַרבליבן דאָס ליד פֿון פֿינדזשאַן. |
| | |
| Aï, la la laï..... | אײַ, לאַ לאַ לאַי..... |
| | |
| Mir boyen mit freyd itst dos land | מיר בויען מיט פֿרייד איצט דאָס לאַנד, |
| Mit haker un aysen in hant, | מיט האַקער און אײַזן אין האַנט, |
| Un dan nokh der arbet in feld, | און דאַן נאָך דער אַרבעט אין פֿעלד, |
| Geyt yeder aroys fun getselt , | גייט יעדער אַרויס פֿון געצעלט, |
| Un bald men tsezingt zikh, | און באַלד מען צעזינגט זיך, |
| A lid es tseklingt zikh , | אַ ליד עס צעקלינגט זיך, |
| Arum un arum dem findjan. | אַרום און אַרום דעם פֿינדזשאַן. |
| | |
| Aï, la la laï..... | אײַ, לאַ לאַ לאַי..... |

# FINDJAN - פֿינדזשאַן

Paroles : Haïm Shvarts

Der vint blozt in feld  azoy kalt,
Der fayer tseflakert zikh bald,
Es tantsn di funkn a prakht,
Zey sheynen vi shtern bay nakht
Es is varem baym fayer,
Dos lid iz undz tayer,
Arum un arum dem findjan.

דער ווינט בלאָזט אין פֿעלד אַזוי קאַלט,
דער פֿײַער צעפֿלאַקערט זיך באַלד,
עס טאַנצן די פֿונקען אַ פּראַכט,
זיי שײַנען ווי שטערן בײַנאַכט
עס איז וואַרעם בײַם פֿײַער,
דאָס ליד איז אונדז טײַער,
אַרום און אַרום דעם פֿינדזשאַן.

La, la, la , la, la, la ,la……

לאַ לאַ לאַ לאַ......

Es gedenkt zikh vi eynmol baynakht,
Gekumen di khevre fun shlakht,
In oyg iz geshtanen a trer,
Eyn yat vet nit kumen shoyn mer,
Nit veynen, nit klogn,
Es vet vider bald togn,
Arum un arum dem findjan.

עס געדענקט זיך ווי איינמאָל בײַנאַכט,
געקומען די חבֿרה פֿון שלאַכט,
אין אויג איז געשטאַנען אַ טרער,
איין יאַט וועט ניט קומען שוין מער,
ניט וויינען ,ניט קלאָגן,
עס וועט ווידער באַלד טאָגן
אַרום און אַרום דעם פֿינדזשאַן

La, la, la , la, la, la ,la……

לאַ לאַ לאַ לאַ.......

Der fayer brent lustik un fray,
Men zingt un men lakht oyf dos nay,
A kholem geyt oyf un bahelt,
S'vet sholem nokh zany oyf der velt,
Es vet sholem nokh blien,
Mir darfn zikh mien,
Arum un arum dem findjan.

דער פֿײַער ברענט לוסטיק און פֿרײַ,
מען זינגט און מען לאַכט אויף דאָס נײַ,
אַ חלום גייט אָן און באַהעלט,
ס'וועט שלום נאָר זײַן אויף דער וועלט,
עס וועט שלום נאָך בליִען,
מיר דאַרפֿן זיך מיִען,
אַרום און אַרום דעם פֿינדזשאַן.

La, la, la , la, la, la ,la……

לאַ לאַ לאַ לאַ.......